

## ביזנעס | נייעס פון דער פינאַנציעלער וועלט

# די אונטערשטע שורה



20

געשריבן דורך: **יצחק סאָפּטלעס פון** Bottom Line Marketing Group
איבערגעזעצט און באַאַרבעט דורך: **ק. הענדלער**

## אינעם קעסטל אָדער אויסער די ראַמען פון אַ קעסטל?

יעדער ביזנעסמאַן וואונטשט זיך אויסצורופן זיין מעסעדזש אויף אַ הויכהילכער וואָס קלינגט אָפּ אין די גאַנצע וועלט. אָבער אין אַ וועלט וואו – איין מינוט, כ'טשעק נאָר מיין סעלפאָן – לאָמיר נאָר ענטפערן דעם אימעיל – אַ סעקונדע נאָר, וואו ליגט מיין איי-פּאַד?

אין אַ וועלט וואו מענטשן קענען נישט אָדער ווילן נישט טראַכטן, ווער רעדט נאָך פון זיך קאָנצענטרירן, איז שווער צו טרעפן אַ וועג וויאַזוי דורכצוקומען מיט אַ מעסעדזש.

אָבער מענטשן האָבן מצליח געווען עס צו טון, און דו קענסט אויך.

לאָמיר נעמען אַ ביישפּיל.

טראַכסטו נישט אפשר אַז, וויבאַלד אָסאַמאַ בין לאַדין איז באַגראָבן טיף אונטער דער ערד אָדער בעסער געזאָגט פאַרשוועמט אינעם אָקעאַן, וואָלט מען שוין געמעגט אביסל נאָכלאָזן פון די שטרענגע זיכערהייטס מאָסנאַמען פאַר פּאַסאַזשירן וואָס פליען 35,000 פיס הויך אין די לופטן? סיי ווער ס'האָט שוין אָפּגעאָטעמט נאָכן דורכמאַכן אַ זיכערהייט אונטערזוכונג ביים לופט-פעלד קען דיר דערציילן פון דעם אָפּקומעניש.

ס'גייט פשוט אויף די נערוון ווען דו דאַרפסט אויסטון דיינע שמונה בגדים, דיין הוט, שיך, פּאַסיק; אַראָפּנעמען דיינע שליסלען, סעלפאָן(ס), און זיבן-און-פערציג אַנדערע טשאַטשקעס און עס אַריינקוועטשן אין אַ פּיצקעלע קעסטל, וואָס אין בעסטן פאַל ווערן זיי צעדריקט ווי גריביגנע קאַרטאָפל און אין ערגסטן פאַל אויפגעמישט מיט די חפצים פון אַן אַנדערן פּאַסאַזשיר.

און דאָך, זענען דאָ מענטשן וואָס באַווייזן אויסצונוצן די מערסטע מעלות פון יעדן מצב. פרעג נאָר באָב גרין. ווען דער זשורנאַליסט איז געבליבן שטעקן אין די לאַנגע רייע אין שיקאַגאָ'ס מידוועי אינטערנאַציאָנאַלע לופט-פעלד, האָט גרין געכאַפּט אַ פּלאַסטיק קעסטל אַריינצולייגן זיינע חפצים פאַר אונטערזוכונג. בשעתן אַריינוואַרפן זיינע שיך, האָט עפּעס אינעם קעסטל געכאַפּט זיין אויג: אַ פּילפּאַרביגע אַדווערטייזמענט צוגעקלעבט פון אונטן. צו מאַכן זיכער אַז ער "זעט" נישט זאַכן פון מידקייט, האָט ער גענומען נאָך אַפּאָר קעסטלעך, און יאָ, יעדע האָט געהאַט אַן אַנדערע אָבער ענליכע אַדווערטייזמענט צוגעקלעבט אונטן פונעם קעסטל.

"איך האָב זיך געטראָפן שאָקלען מיין קאָפּ מיט פאַרוואונדערונג," האָט גרין געשריבן. "בשעת מיר זענען אַלע געשטאַנען אין אַ שורה און זיך גערעגט איבער דעם מצב צו וואָס די וועלט איז ליידער צוגעקומען, איז געווען איין מענטש וואָס האָט אַנערקענט אין די געלעגנהייט צו מאַכן אַפּאָר דאָלער – און ער האָט עס געכאַפּט מיט ביידע הענט."

דער עקזעקוטיוו פון פלאָרידע'ס סעקיוריטי פּוינט מידיאַ, דזשאָ אַמברעפע, איז אויפגעקומען מיט דעם גלענצנדן בייפאַל אַז פּאַסאַזשירן וואָס גייען אַריבער די זיכערהייטס אונטערזוכונג זענען אַן אויסגעצייכנטע ציל ברעט, און ער האָט עס גענומען אַלס אַ געלעגנהייט צו אַדווערטייזן זיין פירמע.

און אויב מיינסטו אַז ס'איז אַ שאָד די צייט צו אַדווערטייזן אַ פּראָדוקט אָדער סערוויס צו פאַראַמאַטערטע, נערוועזע מענטשן אין לופט-פעלד, זאָלסטו וויסן אַז אַזעלכע גרויסאַרטיגע פירמעס ווי סאָני, מייקראָסאָפט, האָנדעי, טשאַרלס שוואַב, און אפילו עמטראַק האָבן זיך צוגעכאַפּט צו דעם בייפאַל. אונטערזוכן די קעסטלעך אין עירפּאָרטס דורכאויס די פאַראייניגטע שטאַטן וועסטו זיך אַליין איבערצייגן אין דעם פאַקט.

פאַר דזשאָ אַמברעפע האָט זיך דער געדאַנק פשוט געלייגט אויפ'ן שכל. און ער האָט אפילו געהאַלטן די אָריגינעלע סערוועטל אויף וואָס ער האָט געקאָשקעט זיין בייפאַל בשעת'ן אַליין וואַרטן אין די רייע אין לופט-פעלד.

"ס'איז געצילט צו אַן אייגנאַרטיגן טייל פון די באַפעלקערונג," האָט דזשאָ געזאָגט פאַר די מידיאַ. "לופט פּאַסאַזשירן זענען אַ באַטערפּנדער אודיענץ, און דאָס איז אַ געלעגנהייט צו רעדן צו זיי און אינפאָרמירן פון מיין ביזנעס."

די אַדווערטייזמענטס אין די פּלאַסטיק קעסטלעך "קענען אויפברענגען אַ שמייכל אויפ'ן פנים." ספּעציעל אויף דזשאָ'ס פנים – פון די גאָלד וואָס ער שאַרט פון זיין המצאה. ווייזט אויס אַז ס'איז נישט געווען וואָס ער איז דער אייגנטימער פון די קעסטלעך ביי אומצאָליגע לופט-פעלדער, ווייל ער האָט לעצטנס געמאָלדן אַז ער פּלאַנט צוצולייגן נאָך עירפּאָרטס צו זיין ליסטע.

אַדווערטייזמענטס מיינט דורכקומען צו דיין אודיענץ. די מומחים אין אַדווערטייזמענט זאָגן בלע"ז, מען זאָל טראַכטן "אַוט אָוו דע באָקס," אָבער יעצט ווייסטו אַז מ'קען טראַכטן... אפילו "אין די באָקס"!





**די אונטערשטע שורה: האַלט אַן אויג אויף וואו מ'קען כאַפּן אויגן.**